בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

## דרוש בדברי הזוה"ק

### ליישב קושית הרמ"א על הבית יוסף

מתוך דברי רבינו ס"ג פרשת וישלח תשכ"ח,
וממה שהוסיף למחרתו
במסיבה שהתקיימה ביום א' וישב תשכ"ח

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

ל"ג בעומר תש"פ לפ"ק

KolSatmar.com

**לשון קדשו**

(10 מינוט) **זייער קלאָר**

★ ★ ★ ★ ★

**יצא לאור ע״י**

**מערכת לשון קדשו**

מאנטריאל קאנאדא - 1-514-585-3040

---

**צענטראלע נומער:**

**929-522-1515**

ארץ ישראל **072-3275205** קאנאדא **438-797-0770** ענגלאנד **0330-350-3110**

**צו הערן די רעקארדינג:** דרוק **#1**, דערנאך קונטרס נומער **902**

איר קענט אויך לאזן הודעות הערות ותיקונים, און מנדב זיין

מען קען אויך הערן די רעקארדינגס:

ניו יארק **718-298-4641** ארץ ישראל **072-3333419** דרוקט נומער **9→6→1**

(דרוש בדברי הזוה״ק # →828.9→1→16)

# • זכות הגליון נתנדב •

# לכבוד התנא האלקי רבן שמעון בר יוחאי

## ולע״נ מרן רביה״ק יואל בן חנני׳ יו״ט זי״ע

לזכות הנדבן

הר״ר יחיאל מיכל בן דינה רחל הכהן הערמאן הי״ו

ולע״נ אביו הרה״ח ר׳ אליעזר אבא ב״ר חיים הכהן ז״ל

אמו דינה רחל ב״ר עוזר הכהן ע״ה

KolSatmar.com

## א
# מתוך ס״ג וישלח תשכ״ח

דרך אגב, איך האָב אַזוי איינזין געהאַט, ס׳שטייט אין **בית יוסף**[א] אין **סימן ס״ה** (ביורה דעה) **דאָרט** ביי די [דיני] גידים, ברענגט ער די פלוגתא (פסחים כב.), ס׳איז אַ פלוגתא **רבי שמעון בן יוחאי** מיט **רבי יהודה**, צי ״גיד הנשה״ איז אסור ׳בהנאה׳, צי ס׳איז מותר בהנאה. **רבי שמעון בן יוחאי** זאָגט אסור בהנאה, און **רבי יהודה** זאָגט **מותר בהנאה**. און להלכה בלייבט, לעולם בלייבט דאָך די הלכה [כפי הכלל, כי] **רבי שמעון** ורבי יהודה הלכה כרבי יהודה.

נאָך איז דאָרטן דאָ פלוגתות אמוראים, **חזקיה** ו**רבי אבהו** איז אויך אַ פלוגתא [דכתיב ״לֹא יֹאכְלוּ״ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת גִּיד הַנָּשֶׁה, דלחזקיה אסור רק באכילה, ולרבי אבהו אף בהנאה].

על כל פנים אין די **פוסקים** איז דאָ דיעות שונות, אַסאַך זאָגן גיד הנשה איז מותר בהנאה, און אַסאַך זאָגן ס׳איז אסור בהנאה.

[און] דער **בית יוסף** פירט אויס, ברענגט ער אַסאַך פוסקים זאָגן מותר בהנאה, פונדעסטוועגן זאָגט ער, מחמת ווייל ס׳שטייט אין **זוהר** (וישלח קע:) אַז ס׳איז אסור בהנאה, איז **נָכוֹן לִיזָהֵר**.

## ב

זאָגט דער **דרכי משה**[ב], **ואיני מבין דבריו**. [דהלא] דער זוה״ק איז דאָך **רבי שמעון בן יוחאי**, און דאָס זעט מען דאָך אין די **גמרא** אויכעט אַז רבי שמעון בן יוחאי לערנט ס׳איז אסור בהנאה, על זה אנו דנין, און די הלכה בלייבט דאָך אָבער אַזוי ווי **רבי יהודה**, נו וואָס ברענגסטו מיר אַ ראיה פונעם **זוהר**, מ׳ווייסט דאָך [מהגמרא] וואָס **רבי שמעון** זאָגט, קענסט דאָך ברענגען פון די גמרא **רבי שמעון בן יוחאי**, מ׳ווייסט דאָך רבי שמעון בן יוחאי זאָגט אַזוי, [אבער] דער גאַנצער פלפול און דער קוטב גייט דאָך אויף דעם אַז די הלכה בלייבט נישט אַזוי, נו וואָס ברענגסטו אַ ראיה פונעם זוהר, אַזוי פרעגט דער **דרכי משה** פרעגט אים האַרב, [וכתב] **ואיני מבין דבריו**.

## ג

האָב איך אַזוי איינזין געהאַט, איך מיין אַזוי.

די **גמרא** זאָגט אין **שבת דף ל״ג**[ג], ווען **רבי שמעון בן יוחאי** איז געוועזן אין די מערה, און ער איז אַרויסגעקומען פון די מערה, [יצא לקראתו חותנו רבי פנחס בן יאיר

---

[א] **בבית יוסף** (יו״ד סימן סה): **ופלוגתא דתנאי היא דתניא** (פסחים כב.) **גיד הנשה מותר בהנאה דברי רבי יהודה, ורבי שמעון אוסר, ורבי יהודה ורבי שמעון הלכה כרבי יהודה** (עירובין מו:). **ובפרק ב׳ דפסחים** (כב.) **פריך לרבי אבהו** דאמר לֹא יֹאכְלוּ איסור הנאה משמע, והרי גיד הנשה דרחמנא אמר עַל כֵּן לֹא יֹאכְלוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת גִּיד הַנָּשֶׁה (וישלח לב, לג), ותנן שולח אדם לנכרי ירך שגיד הנשה בתוכה וכו׳. ולכאורה נראה דהלכה כחזקיה דאמר לֹא יֹאכְלוּ דוקא איסור אכילה משמע, וכו׳, וכן ראיתי באשכנז שמוכרים גיד הנשה לגוים וכו׳ ונראה שמותר בהנאה עכ״ל. ... וכתב הרשב״א יש מרבותי שאמרו שהגיד אסור בהנאה, ויש מרבותי מתירין אותו, וכן נראה וכן נהגו עכ״ל. **ומיהו בספר הזוהר פרשת וישלח** (עח.) **נראה שהגיד אסור בהנאה, ולכן טוב ליזהר.**

[ב] **בדרכי משה** (אות יב): **ואיני מבין דבריו, כי שמעתי כי בעל ספר הזוהר הוא סתם רבי שמעון המוזכר בתלמוד, שהוא רבי שמעון בן יוחאי**, והוא פליג בתלמוד דידן עם רבי יהודא דמתיר בהנאה, ורבי יהודא ורבי שמעון הלכה כרבי יהודא כמו שכתבו הפוסקים, ואם כן אין ראיה מספר הזוהר לענין הלכתא, כן נראה לי. וכן כתב **בית יוסף בעצמו בספרו אורח חיים סימן כ״ה.**

[ג] **בגמרא שבת** (לג:): יתבי רבי יהודה, ורבי יוסי, ורבי שמעון, ויתיב יהודה בן גרים גבייהו. פתח רבי יהודה ואמר כמה נאים מעשיהן של אומה זו, תקנו שְׁוָקִים, תקנו גְּשָׁרִים, תקנו מֶרְחֲצָאוֹת, רבי יוסי שתק, נענה רבי שמעון בן יוחאי ואמר, כל מה שתקנו לא תקנו אלא לצורך עצמן וכו׳, הלך יהודה בן גרים וסיפר דבריהם, ונשמעו למלכות. אמרו, יהודה שעילה יתעלה, יוסי ששתק יגלה לצפורי, שמעון שגינה יהרג. אזל הוא ובריה

KolSatmar.com

והכניסו למרחץ], רבי פינחס בן יאיר איז געווען אין מרחץ, האָט ער אים געזען די פִּילֵי [=סדקים] וואָס ער האָט אין גוף [מחמת שישב בהחול י״ג שנה].

האָט ער [רבי פינחס בן יאיר] געזאָגט: **אוֹי לִי שֶׁרְאִיתִיךְ בְּכַךְ!**

האָט ער [רבי שמעון בן יוחאי] אים געענטפערט: **אַשְׁרֶיךָ שֶׁרְאִיתַנִי** אַז דו זעסט מיך **בְּכַךְ!**, וואָרן אלמלא ווען נישט דעס וואָס ער איז געווען אין די מערה, לא נמצא בי, העסטו נישט געטראָפן אין מיר דעס, העט נישט געווען דעס וואָס דו טרעפסט היצטערט [אין מיר, חכמת התורה שניתוסף לי].

זאָגט די גמרא, והראיה, ווייל פריער [קודם שהיה במערה], אַז רבי שמעון בן יוחאי האָט געפרעגט אַ קשיא, האָט רבי פינחס בן יאיר אים געענטפערט צוועלף תירוצים, תְּרֵיסַר פֵּירוּקֵי. און 'נאָך די מערה', איז געווען פונקט פאַרקערט, רבי פינחס בן יאיר האָט געפרעגט אַ קשיא, האָט ער [רבי שמעון] אים געזאָגט עֶשְׂרִים וְאַרְבַּע פֵּירוּקֵי. אַזוי איז עס געוואַקסן [כוחו בתורה].

ד

ברענגט צו דאָרטן דער **מהרש״א** (בחידושי אגדות ד״ה א״ל בני) וואָס די **גמרא** זאָגט אין סוכה (מה:), **רבי שמעון בן יוחאי** האָט געזאָגט **ראיתי בני עליה והם מועטים, ואם שנים הם, אֲנִי וּבְנִי,** [ומסיק שם דהיינו דעיילי בלא בר].

אין **ירושלמי** (עי׳ ברכות פ״ט ה״ב, ובראשית רבה לה, ב) שטייט נאָך מער, ואם חד הוא אנא הוא, ער איז געוואָרן אַ חַד בְּדָרָא 'נאָך די מערה'. און 'פאַר די מערה' זעט אויס האָט ער געהאַלטן אַז **רבי פינחס בן יאיר** איז געווען העכער.

ה

ממילא [על רבי שמעון] פון 'פאַר די מערה' ביז 'נאָך די מערה', איז נישט קיין ראיה [מזה לזה].

די מימרות פון די משנה קען זיין פון 'פריער', און די כללים [אז בפלוגתת] רבי יהודה ורבי שמעון איז נישט די הלכה ווי רבי שמעון, איז אַלץ פון 'פאַר די מערה'.

[ולכן] זאָגט אָבער דער **בית יוסף**, אַז ס'שטייט אין "זוהר", דער **זוהר הקדוש** איז דאָך שוין געווען 'דערנאָכדעם', איבערדעם דאַרף מען **לִיזָּהֵר**, דאַרף מען 'דאָך' נזהר זיין, ווייל דעמאָלטס איז אַנדערש.

קאָן גאָר זיין אויף דער בחינה קען גאָר זיין איז גאָר אַנדערש, איז נישטאָ קיין פלוגתא, ממילא איז דאָס נישט אַזאַ קשיא [על הבית יוסף מה שבנה דבריו] אויפן זוהר, וואָס ער [הדרכי משה] זאָגט ואיני מבין [דבריו].

---

טָשׁוּ [=הטמינו עצמם] בי מדרשא וכו׳. כי תקיף גזירתא וכו׳ אזלו טָשׁוּ במערתא, איתרחיש ניסא איברי להו חֲרוּבָא וְעֵינָא דְמַיָּא. והוו משלחי מנייהו, והוו יתבי עד צוארייהו בחלא, כולי יומא גרסי, בעידן צלויי לבשו מיכסו ומצלו, והדר משלחי מנייהו כי היכי דלא ליבלו. איתבו תריסר שני במערתא. אתא אליהו וקם אפיתחא דמערתא, אמר, מאן לודעיה לבר יוחי דמית קיסר ובטיל גזרתיה, נפקו. חזו אינשי דקא כרבי וזרעי, אמר, מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה, כל מקום שנותנין עיניהן מיד נשרף. יצתה בת קול ואמרה להם, להחריב עולמי יצאתם, חיזרו למערתכם, הדור אזול. איתיבו תריסר ירחי שתא, אמרי, משפט רשעים בגיהנם שנים עשר חודש. יצתה בת קול ואמרה, צאו ממערתכם, נפקו, כל היכא דהוה מחי רבי אלעזר, הוה מסי רבי שמעון. אמר לו, בני, די לעולם אני ואתה וכו׳. שמע רבי פנחס בן יאיר חתניה, ונפק לאפיה, עייליה לבי בניה [=מרחץ], הוה קא אריך ליה לבישריה, חזי דהוה ביה פִּילֵי בגופיה, הוה קא בָּכֵי, וקא נתרו דמעת עיניה וקמצוחא ליה. אמר לו, אוי לי שראיתיך בכך. אמר לו, אשריך שראיתני בכך, שאילמלא לא ראיתני בכך, לא מצאת בי כך. דמעיקרא כי הוה מקשי רבי שמעון בן יוחי קושיא, הוה מפרק ליה רבי פנחס בן יאיר תריסר פירוקי, לסוף כי הוה מקשי רבי פנחס בן יאיר קושיא, הוה מפרק ליה רבי שמעון בן יוחי עשרין וארבעה פירוקי.

KolSatmar.com

ו

## מתוך דרוש א' וישב תשכ"ח

ס'איז א פלא, איך האָב אַזוי מתבונן געווען, איך האָב שוין דעם שבת [וישלח] גערעדט דערפון, כ'האָב עס אפשר נישט אַזוי גוט אַרויסגעזאָגט.

ז

ס'שטייט אין **זוהר הקדוש** (וישלח קע:) [על הפסוק] **עַל כֵּן לֹא יֹאכְלוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת גִּיד הַנָּשֶׁה**, זאָגט דער זוהר הקדוש[ד], א מענטש האָט רמ"ח איברים ושס"ה גידים, אויף יעדן אבר איז ממונה א שַׂר, אויף יעדן גיד איז ממונה א שַׂר, [ועל] גיד הנשה איז ממונה דער ס"מ. אַזוי זאָגט דער **זוהר הקדוש**.

איבערדעם זאָגט ער איז ער **אסור בהנאה**.

און דאָרט האָט ער אים געפּאַקט [ליעקב], ווייל ס'איז זיין פּלאַץ, ער האָט נישט געקאָנט ציטרעטן צו יעקב אבינו, נאָר ביי די גיד הנשה [ווייל] דאָס איז זיין פּלאַץ, אַזוי זאָגט דער **זוהר הקדוש**, איבערדעם איז עס אסור בהנאה.

ח

און [הזוהר] גייט דערנאָך ווייטער, [אז מיט] דעם האָט ער צוגענומען דעם כח פון אַלע נביאים, אויסער משה רבינו, אַזוי זאָגט ער ווייטער, און דערנאָך גייט ער ווייטער **וַיִּגַּע בְּכַף יְרֵכוֹ**, שטייט דאָ אויפ'ן אָרט אין זוהר הקדוש, **בתמכין דאורייתא**.

זיי זאָגן דעם פְּשַׁט דאָרט (בניצוצי אורות), אז אַזוי ווי די זרועות זענען מחזיק דעם גאַנצן גוף, אַזוי ווערט אָנגערופן ירכו ווערט אָנגערופן תמכין דאורייתא.

ער האָט אָפּגעשוואַכט דעם כח, אז מ'וועט נישט גענוג תומך זיין דעם כח התורה.

ט

גיט ער א זאָג אינדערמיט [דער זוהר], ס'איז עפּעס נישט צו פאַרשטיין אַפאָר ווערטער, זאָגט ער אז מ'איז נישט מחזיק דעם כח התורה [על ידי בני ישראל], כאַפּט 'ער' [השטן] זיך אַרויף און ער איז עס מחזיק, אַזוי גיט ער אַ זאָג, **לְקַיְּימָא וּלְאִתְתַּקְּפָא**, איז ער עס מסמכא, שטאַרקט ער עס, אַזוי גיט ער א זאָג.

י

זעט מען דאָ אַן אַנדערע זאַך, מ'האָט נישט מורא ס'וועט פאַלן [קיום התורה, נאר] מ'האָט מורא אז דער ס"מ וועט עס מחזיק זיין. אַזוי זעט מען דאָ אין **זוהר הקדוש**.

יא

[וביאור הענין הוא על פי וואס] איך האָב שוין דאָס לאַנג געזאָגט[ה], ס'שטייט (בראשית רבה מב, ג. ועוד) אָחָז [מלך יהודה] האָט געוואָלט מבטל זיין די ישיבות, איבערדעם הייסט ער "אחז", ווייל ער האָט "אָנגעכאַפּט" די ישיבות.

האָב איך געזאָגט [דלכאורה קשה], אייביג איז א כלל, אז מ'וויל א זאַך מחזיק זיין האָט מען עס 'אָנגעכאַפּט,' און אז מ'וויל עס מבטל זיין איז מען עס מבטל, [און מ'כאפט עס 'נישט' אן. וכאן מצינו], ער זאָגט [במדרש] ער האָט עס געוואָלט מבטל זיין, און ער זאָגט ער האָט עס אָנגעכאַפּט.

---

[ד] דברי הזוהר הקדוש נעתקו בסוף הקונטרס.

[ה] במסיבה א' בהעלותך תש"כ עבור החזקת מוסדות יטב לב בארץ הקודש.

KolSatmar.com

יב

האָב איך שוין לאַנג געזאָגט דאָס, [דביאור הענין] זעט אויס אַזוי. [כי ידע אחז, כי באם ער וועט גיין מבטל זיין פשוט די תלמוד תורות, מיט די ישיבות, ווער העט אים [ווען] געהערט. ס'איז דאָך געווען, ס'איז דאָך געווען אַן אַנדערער דור געווען. [ולכן] האָט ער געזאָגט ניין, איך וויל עס "מחזיק" זיין, און אז 'ער' וועט עס אויסהאַלטן, ווייסט ער שוין וואָס ס'וועט ווערן, כאַפּט שוין עס אָן די סטרא אחרא, קומט שוין [דער ביטול התלמוד תורות].

יג

זעט מען דאָ אין **זוהר הקדוש** זעט מען דאָס לשון אַזוי, **סָמְכִין דְאוֹרַיְיתָא**, און **דאָס איז דער חיזוק, דאָס איז דער כח פון די קְדוּשָׁה, אז אידן וואָס זענען מאמינים אין הקב"ה און האַלטן די תורה הקדושה, אז "זיי" זענען מחזיק דעם כח התורה, דאָס איז דער גאַנצער יסוד,** [כדי] 'זיי' [הסטרא אחרא] **זאָלן זיך נישט אַרויפכאַפּן.**

יד

אַקוראַט [=ממש פונקטליך די זעלבע, יש לבאר בדברי הבית יוסף], איך האָב דאָס ערוועהנט דערפון [ביי שלש סעודות קצת מזה].

דער **בית יוסף** אין **סימן ס"ה**, ברענגט ער די שיטות [בענין גיד הנשה], ס'איז א פלוגתא אין די **גמרא** (פסחים כב.) **רבי יהודה** מיט **רבי שמעון**. ר' שמעון זאָגט גיד הנשה איז אסור בהנאה, און ר' יהודה זאָגט ס'איז מותר. דערנאָך ברענגט די גמרא גאַנצע פלפולים דערנאָך, אז ס'איז גיוועגדט אין די פלוגתא פון חזקי' און **רבי אבהו**, צי לֹא יֹאכַל איז איסור 'אכילה' אָדער איסור 'הנאה'.

און ער קומט אויס, לויט די **פוסקים** קומט אויס דער **בית יוסף** [אז] **לשיטת ההלכה** אז גיד הנשה איז מותר בהנאה, נאָר זאָגט ער, אין **זוהר** איז משמע אז ס'איז אסור, **על כן יש ליזהר.**

זאָגט דער **דרכי משה, ואיני מבין דבריו**, איך פאַרשטיי נישט, ער זאָגט [הבית יוסף כי] ס'שטייט אין זוהר, [והלא] דער **זוהר** איז דאָך **ר' שמעון בן יוחאי**, און ר' שמעון בן יוחאי שטייט דאָך אין די **משנה** אז ער לערנט ס'איז אסור בהנאה, [והלא] על זה אנו דנין, ס'איז מחולק ר' יהודה מיט ר' שמעון, און מ'פַּסְקְ'נט דאָך נישט אַזוי דאָ ווי ר' שמעון, נו וואָס זאָגסטו מיר אז ס'שטייט אין **זוהר**.

טו

האָב איך געזאָגט ביי **שלש סעודות**, האָב איך געקלערט אפשר, ווייל די גמרא זאָגט אז ווען ער [רבי שמעון] איז אַרויסגעקומען פון די מערה, **רבי פינחס בן יאיר** האָט אים געזאָגט **אוי לי שראיתיך בכך**, ס'איז דאָרט אויף עהם פילי געווען [סדקים ובקעים בבשרו, על ידי] וואָס ער איז געווען אָפּגעפלאָגט אין די מערה. האָט ער אים געענטפערט אשריך אז דו האָסט מיך אַזוי געזעהן, וואָרן פריער האָסטו דאָס נישט געטראָפן אין מיר וואָס היצט. פריער אז ר' שמעון בן יוחאי האָט געפרעגט א קשיא, האָט ר' פינחס בן יאיר געענטפערט צוועלף תירוצים, תריסר פירוקי, און 'נאָך די מערה' איז געווען פונקט פאַרקערט, ווען רבי פינחס בן יאיר האָט עפּעס געפרעגט, האָט ער [רבי שמעון] געענטפערט עשרין וארבע פירוקי.

דאָס קען זיין, די **משנה**, די **הלכות**, איז דאָך געווען איידער ער איז געווען אין די

KolSatmar.com

מערה, קאָן זיין, דער בית יוסף זאָגט אָבער, איבערדעם זאָגט ער ס'שטייט אָבער אין "זוהר", **דער זוהר איז שוין געווען דערנאָך וואו ער איז געווען אין די מערה, איז דאָס שטאַרקער, איבערדעם פאַררופט ער זיך** [על דברי הזוהר יותר].

**אַזוי האָב איך געזאָגט ביי שלש סעודות.**

**טז**

נאָר וואָס דען [לדרכינו עתה] **זעט אויס נאָך אַנדערשט אויך** [בביאור דברי הבית יוסף], ער מיינט, דאָס איז א פלוגתא [בגמרא] צי ס'איז 'בעצם' דאָ דערויף אַן איסור. [אמנם] **אין זוהר הקדוש שטייט אָבער א "טעם", ווייל דער ס"מ איז דער בעל הבית.**

"דאָס" מיינט ער [בבית יוסף], **לויט ווי ס'שטייט אין זוהר, דאַרף מען נזהר זיין,** [כי ליהנות מדבר שמקורו משם], **אפילו ס'איז נישט 'בעצם' קיין איסור, ס'איז גאָר בדרך היתר,** [אבער] **מַה בֶּצַע** [מה ממון נתהני לנא] **אז ס'קומט אָבער פונעם ס"מ, אז דער ס"מ איז** [דערויף] **בעל הבית.**

**אויף דעם חפץ וואָס דער ס"מ איז בעל הבית, דעס איז געפערליך פאַרן נפש, און פאַר אַלדינגס.**

**יז**

דאָס קאָן זיין מיינט דער **בית יוסף**, לויט פון די **גמרא** [און] פון די **הלכה**, איז א פלוגתא צי ס'איז דאָ 'בעצם' אַן איסור אויף די גיד הנשה, [נו] גוט, די הלכה איז אז בעצם האָט עס די תורה הקדושה נישט גע'אַסֶר'ט. **אז מ'קוקט אָבער ווער דער בעל הבית איז** [יש ליזהר מזה], דאָס מיינט ער [מה שכתב] לויט ווי ס'שטייט אין זוהר [יש ליזהר].

**יח**

דאָס קאָן זיין, מיט דעם איז טאַקע פאַרענטפערט [אויך וואס] ער זאָגט בזוהר "משמע" דאסור, [לכאורה] אין זוהר 'שטייט דאָך אַרויס' אז ס'איז אסור, פאַרוואָס נאָר "משמע".

[נאר] דאָס קאָן זיין מיינט ער, דעס וואָס 'שטייט אַרויס', קאָן זיין ס'איז וועגן דער הלכה, [און להלכה] דאָס שטייט דאָך שוין, האָט מען דאָך אָפגע'פַּסְקֶ'ט [להיתר]. אָבער 'אז מ'קוקט אָבער אַריין' אין **זוהר הקדוש** [וואס] דער טעם איז, ווייל ווער דער בעל הבית איז, 'זעט עפּעס אויס' אז מ'דאַרף נזהר זיין.

[כי] **אפילו ווען ס'איז מותר, אפילו ווען ס'גייט בדרך היתר, אז דער ס"מ איז דער בעל הבית, דעס איז שוין נישט גוט.**

**יט**

איבערדעם גיט ער דאָס א מיש [צוזאם], **דער זוהר הקדוש שטעלט דאָס צוזאַם מיטן תמכי דאורייתא.**

[ווייל] תמכי דאורייתא, אפילו מ'האָרעוועט פאַר תורה, **דאַרף מען קוקן פון וואו קומט די החזקה,** [ובנוסף] צו דער תורה און צו דער קדושה **דאַרף מען קוקן פון וואו די החזקה קומט.**

**דאַרף מען האָבן גרויס זהירות,** אַזוי ווי מ'זעט טאַקע בעוונינו הרבים מ'ווערט געכאַפּט.

KolSatmar.com

## העתק דברי הזוהר הקדוש (וישלח קע:)

על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה וגו' כי נגע בכף ירך יעקב בגיד הנשה. דאפילו בהנאה אסיר, ואפילו ליהביה לכלבא. ואמאי אקרי גיד "הנשה", כלומר גיד דאיהו "מנשיא" לבני נשא מפולחנא דמאריהון, ותמן הוא יצר הרע רביע. כיון דאתדבק עם יעקב, לא אשכח אתר דיכיל לאתגברא עליה דיעקב, בגין דכל שייפי גופא סייעי ליעקב, וכלהו הוו תקיפין ולא הוו בהון חולשא, מה עבד, ויגע בכף ירכו בגיד הנשה, בזיניה, ביצר הרע דאיהו זיניה ואתריה, ומתמן אתי יצר הרע על בני נשא. ובגין כך אמרה אורייתא לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה וכו'.

בגין דאית בבר נש רמ"ח שייפין לקבל רמ"ח פקודין דאורייתא דאינון למעבד אתיהבו, ולקבל רמ"ח מלאכין דאתלבשת בהון שכינתא, ושמא דלהון כשמא דמאריהון. ואית בבר נש שס"ה גידין, ולקבלהון שס"ה פקודין דלאו אינון אתיהבו למעבד, ולקבל שס"ה יומי שתא, והא תשעה באב חד מנהון דאיהו לקבל ס"מ דאיהו חד מאינון שס"ה מלאכין (נ"א יומין), ובגין כך אמרה אורייתא לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה, "את", לאסגאה ת'שעה בא'ב דלא אכלין ביה ולא שתין. ובגין כך חזא קודשא בריך הוא כלא ונרמז בהון רמז ליעקב, ויאבק איש עמו, בכל יומי שתא ובכל שייפין דיעקב, ולא אשכח בר ההוא גיד הנשה, מיד תשש חיליה דיעקב, וביומי שתא אשכח יום תשעה באב דביה אתתקף ואתגזר דינא עלנא ואתחרב בי מקדשא, וכל מאן דאכיל בתשעה באב כאלו אכיל גיד הנשה. רבי חייא אמר, אלמלא לא אתחלש חילא דא דיעקב, אתקיים יעקב לגביה ואתבר חילא דעשו לעילא ותתא וכו'.

תא חזי, דהא כתיב ולא קם נביא עוד בישראל כמשה. מה בין משה לשאר נביאי עלמא. משה אסתכל באספקלריא דנהרא, שאר נביאי לא הוו מסתכלי אלא באספקלריא דלא נהרא. משה הוה שמע וקאים על רגלוי, וחיליה אתתקף, והוה ידע מלה על בורייה, כמה דכתיב ומראה ולא בחידות. שאר נביאי הוו נפלי על אנפייהו ואתחלש חילא דלהון ולא הוו יכלי לקיימא על בורייה דמלה. מאן גרם לון דא, בגין דכתיב כי נגע בכף ירך יעקב והוא צולע על ירכו וכו'. ועל דא כל שאר נביאי אתחלש תוקפייהו ולא הוו יכלין לאתקיימא לקבלא מלה על בורייה כדקא יאות, מאי טעמא, בגין כי נגע בכף ירך יעקב בגין הנשה, דנסיב ושאיב כל חילא דירכא, ועל דא אתבר חילא דירכא ואשתאר צולע על ירכו. דהא כל נביאין דעלמא לא יכילו לאדבקא ולקיימא ביה.

תא חזי, נביאין כלהו בר משה לא קיימו בתוקפייהו כדקא חזי. ומאן דלעי באורייתא ולית מאן דסמיך ליה, ולא אשתכח מאן דאטיל מלאי לכיסיה לאתתקפא, על דא אורייתא קא משתכחא בכל דרא ודרא, ואתחלש תוקפא דאורייתא כל יומא ויומא, בגין דלית לון לאינון דלעאן בה על מה דסמכין, ומלכו חייבא אתתקף בכל יומא ויומא. תא חזי, כמה גרים חובא דא, ובגין דלית (לון) מאן דאסמיך לאורייתא כדקא יאות, אינון 'סמכין' חלשין, וגרמין לאתתקפא לההוא דלית ליה שוקין ורגלין לקיימא עלייהו.

פתח ואמר, ויאמר ה' אלקים אל הנחש כי עשית זאת ארור אתה מכל הבהמה וגו' על גחונך תלך. מאי על גחונך תלך. דאתברו סמכין דיליה וקציצו רגלוי, ולית ליה על מה דקאים. כד ישראל לא בעאן לסמכא ליה לאורייתא, אינון יהבין ליה סמכין ושוקין, לקיימא ולאתתקפא בהו.

תא חזי, כמה עקימו וחכימו אתחכם בההוא ליליא ההוא דרכיב נחש לקבליה דיעקב, דהא איהו הוה ידע דכתיב הקול קול יעקב והידים ידי עשו, ואי פסיק קלא דיעקב כדין והידים ידי עשו. בגין כך אסתכל לכל סטרין לאבאשא ליה ליעקב ולאפסקא קליה, וחמא ליה תקיף בכלא, דרועין מסטרא דא ומסטרא דא דאינון תקפין גופא דאתתקף בינייהו, וחמא תוקפא דאורייתא ואתתקף בכלא, כדין וירא כי לא יכול לו. מה עבד, מיד ויגע בכף ירכו, דאתחכם לקבליה. אמר כיון דאתברו סמכין דאורייתא, מיד אורייתא לא אתתקף. וכדין יתקיים מה דאמר אבוהון, הקול קול יעקב והידים ידי עשו. והיה כאשר תריד ופרקת עלו מעל צוארך. ובדא אתחכם לקבליה דיעקב, דהא בגין דיתבר חילא דאורייתא אזיל ואתתקף עשו. וכד חמא דלא יכיל לה לאורייתא, כדין חליש תוקפא דאינון דסמכין לה, וכד לא ישתכח מאן דסמיך לאורייתא, כדין לא יהא קול קול יעקב ויהון ידים ידי עשו.

KolSatmar.com